# סעודה שלישית פרשת ויצא ה'תש"ע

אין סעודה שלישית, סעודת רעווא דרעווין, האט מוהרא"ש נ"י גערעדט דיבורים נוראים ונפלאים אויפן פסוק (בראשית כ"ח) ויצא יעקב מבאר שבע וגו'. און האט געזאגט אז אין די פסוקים איז דא א גרויסע התעוררות צו דינען דער אייבישטער און לערנען זיין הייליגע תורה.

**ויצא יעקב מבאר שבע**, יעקב איז דער יוד וואס איז באשאפן געווארן צו קוקן אויף די חכמה מיט די שכל וואז איז דא אין יעדע זאך, און צו טרעפן די געטליכקייט וואס איז פארהאנען אין יעדע פרט פון די באשעפעניש (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' א'), און ער גייט ארויס פון באר שבע, דאס הייסט פון די בירנען פון די נשמות פון די העכערע וועלטן, וואס זיי זענען די שורש פון די מלכות, וואס איז די זיבעטע ספירה, און זי גייט אראפ צו די וועלט און קומט אריין אינעם גשמיות'דיגע גוף, און דעמאלם הייבן אן אריבער צו גיין אויף איהם גאר שווערע און ביטערע נסיונות. ווייל די וועלט איז פוהל מיט בארדעקענישן מיט פאשטעלונגען, און מ'דארף טרעפן דעם אייבישטער'ס געטליכקייט אינעם שטארקע מאטריאלישע גשמיות. וואס דאס איז די פשט **וילך חרנה**, די וועלט וואס הייסט 'חרון אף' [דערצערנקייט], וועגן די ווייניג אמונה מיט די הסתרה פון פני ה', און אזוי ווי חז"ל זאגן (ספרי ראה) כל זמן שיש עבודה זרה בעולם חרון אף בעולם. און דער עיקר עצה איז נאר זיך מחזק זיין מיט אמונה, און זיך בויען די אמונה אין זיין הארצ'ן אזוי ווי א שטארקע טשוואק וואס ווערט נישט גערירט, דעמאלם האט ער סבלנות מיט אריכת אפים ליידן אלעס, ווייל אמונה איז א כוח וואס וואקסט, און ווער עס האט אמונה גייט אויף אלעם איבער בשלום (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' קנ"ה).

און אמונה ווענדט זיך אין דעם מויל פון א מענטש, און אזוי ווי עס שטייט (תהלים פ"ט) אודיע אמונתך בפי, (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' מ"ד), און אזוי שטייט (תהלים קט"ז) האמנתי כי אדבר, און וואס א מענטש רעדט מער דיבורי אמונה מיט אלע זיינע באקאנטע, און ער רעדט זיך אוים דאס הארץ אסאך צום אייבישטער, אזוי ווערט אריינגעווארצלט די אמונה אין זיין הארץ, וואס דאס איז: **ויפגע במקום**, און חז"ל זאגן (ברכות כ"ו:) אין פגיעה אלא לשון תפילה, אז יעקב אבינו האט מתקן געווען תפילת ערבית, אז אפילו ווען א מענטש שפירט אז עס איז איהם אינגאנצן פינסטער, זאל ער

breslevcity.co.il

זיך אנשטרענגן מיט תפילה, און ער זאל בעטן פון דער אייבערשטער, אז ער זאל זוכה זיין ארויס צו גיין פונעם פינסטערניש צו זעהן די ליכטיגקייט, ווייל ווען א מענטש איז זוכה צו קוקן אויף די חכמה מיט די שכל וואס איז דא אין יעדע זאך, אלע זיינע וועגן לייכטן אזוי ווי די זון אפילו אינמיטן די נאכט פינסטערניש (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' א'), וואס דאס איז - **וילן שם כי בא השמש**, אז אפילו אין די פלאץ וואס ער איז געשלאפן ביי נאכט, האט איהם גישיינט די זון אזוי ווי אינמיטן די טאג, **ויקח מאבני המקום**, אבנים [שטיינער] זענען די כ"ב אותיות פון אל"ף בי"ת (ספר יצירה) און דורך זיי בויעט מען די ווערטער פונעם דאווענען (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' י"ח וחלק ב' סי' ח'), ווייל דער צדיק טרעפט די אותיות מיט די חיות אלקות וואס איז דא ווי אהין ער גייט, ווייל ווער עס האט א יודישע הארץ, איז נישט דא קיין פלאץ זאל נישט זיין גוט פאר איהם, ווייל איבעראל טרעפט ער געטליכקייט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' נ"ו), **וישם מראשותיו**, טייטשט רש"י, עשאן כמין מרזב סביב לראשו מפני שירא מפני חיות רעות, און לכאורה איז שווער צו פארשטיין, פארוואס האט ער מורא געהאט נאר וועגן "**ראשו**" פאר די חיות רעות און נישט פאר די גאנצע גוף, אבער עס ווערט געברענגט אינעם רבינ'ס תורה (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' רל"ג) אז די חיות רעות זענען די מחשבות הזרות וואס זיי שטארקען זיך אויף א מענטשנ'ס מח, איהם צו מבלבל זיין פון זיין עבודה, לאבער ווען א מענטש איז שטארק, נעמען די שטיינער מיט די אותיות פון אלקות וואס געפינען זיך איבעראל, דאס גיבט אכטנוג אויף זיין קאפ פון מחשבות זרות, און ממילא די איבעריגע גוף ווערט אפגעהיטן פון אלעם שלעכט'ס, און דאס איז **וישכב במקום ההוא**, און עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון ע') **וישכב** איז א צירוף פון **וי"ש כ"ב**, אז ער טרעפט די אלע כ"ב אותיות פון אל"ף בי"ת און יענעם ארט, און ער איז זיך מדבק אינעם אייבערשטער אויף יעדע ארט ווי ער קומט.

**ויחלום והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה**, און עס שטייט אין זוהר הקדוש (השמטות רמ"ז.) **סולם** דאס איז **קול**, ווייל זיי באטרעפןביידע די זעלבע, ווייל די קול פון א מענטש אין תורה ותפילה איז א לייטער וואס ברענגט איהם ארויף פון די גאר נידעריגע מדריגות ביז צו די גאר העכסטע, **והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו**, ווייל פון יעדע דיבור פון א מענטש ווערן באשאפן הייליגע מלאכים וואס נעמען איהם ארום און ארום און באשיצן איהם פון אלעם שלעכטס, און בפרט ווען א מענטש איז זוכה לערנען גמרא מיט התמדה, איז ער זוכה אז די פיר 'מלאכי מרכבה

breslevcity.co.il

העליונה' נענען איהם ארום אלעמאל, ווארום **גמר"א** איז ראשי תיבות **ג'**בריאל **מ'**יכאל **ר'**פאל **א'**וריאל (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין 'ספר החיים' פונעם ברודער פון מהר"ל מפראג).

און טאקע **גמרא** איז א וועג ווייזער פאר א מענטש צו טרעפן די געטליכקייט וואס איז דא אין יעדע זאך, ווייל גמרא וואסס איז די גאנצע תורה שבעל פה, אנטפלעקט געטליכקייט וואס איז פארהאנען אין יעדן דומם צומח חי מדבר פון די באשעפעניש, אזוי ווי הלכות חזקת הבתים והחופר בור ברשות הרבים וכו', וואס דאס איז די אלקות וואס איז דא אין דעם דומם, אין די הלכות זרעים מיט תרומות און מעשרות וכו', זענען די אלקות וואס איז דא אינעם צומח, אין די הלכות קרבנות מיט טריפות וכו' זענען די אלקות וואס געהערט צו דער חי, אין די הלכות שבין אדם לחבירו איז די אלקות וואס איז דא אין די מדבר.

קומט אויס, אז די גאנצע גמרא מיט די תורה שבעל פה זענען אונז מגלה די חכמה מיט די שכל וואס איז דא אין א יעדע זאך, דעריבער ווען א מענטש איז מתמיד אין גמרא, די הייליגע מלאכים היטן איהם אפ פון אלעם שלעכט'ס, און זיי העלפן איהם ארויפצוגיין און דיך מדבק זיין אינעם אייבישטער ווי א הין ער קומט, וואס דאס איז אויך מרומז אינעם פסוק **ויצא' יעקב' מבאר' שבע'**, סופי תיבות **ארב"ע**, וואס דאס זענען די פיר מלאכים וואס באגלייטן דעם מענטש און זיי היטן איהם אפ פון אלעם שלעכט'ס. דערפאר זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' רי"ד) אז תלמו"ד באטרעפט לילי"ת, וואס ז איז די קליפה וואס באזונדיגט א מענטש אין פגם הברית, רחמנא ליצלן, און דורך דעם אז מען לערנט תלמו"ד וואס דאס איז גמרא, באקריגט מען א הילף פון די הייליגע מלאכים, און מען איז מבטל אינגאנצן דעם כח, און דער ס"מ קעמפט זייער שטארק צו פארמאדן א מענטש פון צו לערנען גמרא, ווייל ער ווייסט אז דאס בייגט איהם אינגאנצן, און דאס איז וואס זיין נאמען איז ראשי תיבות - **ס'**ום **מ'**סכת **א'**ין **ל'**עשות, אבער דער וואס האט א אמת'ן שכל נעמט זיך אריין מיט א מורא'דיגע התמדה צו לערנען יעדן טאג גמרא, א בלאט נאך א בלאט, און ער וועט אויף זיך ארויפציעהן א העכערע שמירה אויף אייביג. זאל השם יתברך אונז מזכה זיין, שטענדיג באנוצן מיט אונזער קול נאר צו תורה מיט תפילה – ביז מיר וועלן זוכה זיין ארויפגיין און זיך מדבק זיין אינעם אייבישטער מיט א אמת'ן דבקות, מעתה ועד עולם, אמן ואמן.

breslevcity.co.il